# חלק כ' תולדות א'

**כללות השיחה: ראה לקו"ש ח"ה ע' 361 ואילך. [1] ובארוכה בח"ל תולדות א'. [2] ולהעיר מלקו"ש חל"ה ע' 272. ודו"ק.**

**ס"ב: קשה כקריעת ים סוף: עד"ז בלקו"ש ח"ה הנ"ל, חכ"ו ע' 234 הע' 39.**

**ס"ז: ההוראה, לבחור בקו החסד: כעי"ז בשי' אחש"פ תשמ"א סע' ס"א.**

**ס"ח: "ע"פ סדר השתלשלות זיינען זיי (נשמתא דאורייתא און גופי תורה) לכאורה צוויי באזונדערע ענינים" עד"ז בשי' יט"כ תשכ"ד ס"ז. ובכ"מ.**

**ס"ט: משל דשחיקת האבן דכתר המלך: ראה שי' יט"כ תשי"ג ס"ט-י. ובכ"מ.**

[1] https://drive.google.com/file/d/1js4Scxah0O6-FsFTLOCNnOZyzxqf_ykM/view

[2] https://drive.google.com/file/d/1Q3E_xVzFUI3B9gFLEd9KrjzgxeBFmFNt/view

לתגובות והערות:
sichaharchovo@gmail.com

דיוק הלשון אין דעם ערשטן פסוק: ואלה תולדות יצחק בן אברהם, אברהם הוליד את יצחק, און דערקלערן, אַז די תורה הק׳ אונטערשטרייכט דערמיט, אַז יעדערער וואָס האָט געזען יצחק׳ן האָט באַלד געזען, אַז יצחק איז אברהם׳ס זון, און אברהם איז יצחק׳ס פאָטער.

דאָס מיינט, אַז ניט נאָר אין אויסערלעכן אויסזען איז יצחק געווען אַזוי שטאַרק ענלעך צו זיין פאָטער, נאָר אויך, און בעיקר, אין זייער גייסטיקן לעבן — אין זייער השקפה און טאָגטעגלעכע הנהגה — זיינען זיי, פאָטער און זון, געווען ניט אונטערצעשיידן. אין אַלע אומשטענדן זיינען זיי שטענדיג געגאַנגען צוזאַמען (וילכו שניהם יחדיו): ניט געווען באַ זיי אַן איבעררייס אָדער שפּאַלטונג צווישן דעם „אַלטן דור״ און דעם „נייעם דור״, נאָר אַ פולשטענדיגער המשך. ווי די סדרה דערציילט אויך ווייטער, אַז יצחק האָט פאַרגעזעצט זיין פאָטער׳ס טעטיקייט פון גראָבן וואַסער־קוואַלן (אין מים אלא תורה) און האָט זיי אָנגערופן מיט די זעלבע נעמען וואָס זיין פאָטער האָט זיי אָנגערופן.

דער מוסד „ברית אברהם״ שפּיגלט אָפּ דעם אידישן תורה־המשך, זינט אברהם אבינו, דעם המשך וואָס פאַראייניגט אַלע אידן און פאַראייביגט אונזער אידישן פאָלק, עד סוף כל הדורות.

איך בין זיכער, אַז אַלע פריינט פון דעם מוסד וועלן וויסן ווי אָפּצושאַצן די וויכטיגע טעטיקייט פון דעם מוסד און וועלן זיך וואַרעם און ברייטהערציג אָפּרופן צו העלפן אים אָנהאַלטן און אויסברייטערן זיינע טעטיקייטן. דערמיט וועט מען אויך אויסברייטערן די צנורות און כלים צו באַקומען דעם אויבערשטנ׳ס ברכות בכל המצטרך בגשמיות וברוחניות גם יחד.

בכבוד ובברכה להצלחה בכל האמור.

ב״ה. ערש״ק פ׳ תולדות, ה׳תשכ״ג

ברוקלין, נ.י.

חברות המערכת סמינר „בית רבקה״, כפר חב״ד

ה׳ עליהן תחיינה

שלום וברכה!

בנועם קבלתי הידיעה אשר לרגלי כניסתן לבנין החדש בשעה טובה ומוצלחת, מתכוננות להוציא לאור חוברת בהמשכים בשם „באהלי רבקה״. ואכן נכון הדבר, ויהי רצון שיהי׳ בהצלחה.

ידוע פירוש חכמינו, ב״ר ר״פ תולדות, זכרונם לברכה, בראשית פרשת שבוע

איז זיך משתלשל (דריי שלבים) פון חלק הסוד (וואס איז כנגד עולם האצילות[36]) און איז במילא נידעריקער — ובהרבה פון אים.

און דעריבער קען אט דער חיבור (פון „מטבע" מיט „אש") ניט אויפגעטאן ווערן דורך א מלאך כו', און אפילו ניט כביכול דורך תורה[37], וואס זיי אלע זיינען באופן פון השתלשלות (ובמילא מוגבל בגדר ההשתלשלות), נאר בלויז הקב"ה בכבודו ובעצמו, וואס ער האט בוחר געווען ברצונו (ניט ח"ו בהכרח) אין סדר ההשתלשלות, און זייענדיק א „כל יכול", „נמנע הנמנעות"[38], איז ביכלתו צו מבטל זיין דעם סדר ההשתלשלות, און מחבר זיין די צוויי הפכים[39] פון גשמיות און רוחניות, אז די מטבע גשמית זאל ווערן בפועל, אין עוה"ז — אויך, א „מטבע של אש".

ז. און דאס איז די תשובה (פון אויבערשטן) אין מדרש — ובדיוק לשון המדרש: „מטבע של אש הוציא הקב"ה . . ואמר לו זה יתנו" — „הקב"ה" דייקא און דורך אן אמירה:

די פאראייניקונג פון גשמיות און רוחניות (אז א מטבע גשמית זאל ווערן אויך א „מטבע של אש") — ביידע בפועל בבת אחת, כסף וכופר נפשו — קען געמאכט ווערן נאר דורך „הקב"ה" בעצמו (כנ"ל), וואס ער האט ברצונו בוחר געווען אין סדר השתלשלות, און פשיטא אז ער איז ניט מוגבל אין השתלשלות (ויכול לבטלו).

וע"ד[40] דעם ענין פון בריאה יש מאין, וואס קען זיין נאר פון „מהותו ועצמותו של המאציל ב"ה שמציאותו הוא מעצמותו ואינו עלול מאיזה עילה[41] שקדמה לו ח"ו, ולכן הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין כו'"[42].

און ע"ד ווי אין דעם ענין פון יש מאין — איז דאך די התהוות פון מעשה בראשית געווען דורך אמירה ודיבור דוקא, „בעשרה מאמרות נברא העולם"[43], „בדבר הוי' שמים נעשו"[44] — איז אזוי אויך בנוגע דער „התהוות" אז א מטבע גשמית זאל ווערן אויך אש, אז דאס ווערט אויפגעטאן דורך דיבור הקב"ה.

דער דיבור הקב"ה „זה יתנו" — אז די מטבע גשמית וואס אידן גיבן („יתנו") וועט זיין אויך „אש" („זה") — האט „מהווה" געווען דעם חידוש, בדוגמא ווי די התהוות הנבראים בששת ימי

---

ההקדמות (נעתקה בקונטרס עה"ח (הוספה הא') ע' 62 ואילך). רמ"ז לזח"א ד, סע"ב. ועוד.

37) אף שבכלל תורה שולטת על הבריאה ומשנה אותה, ואפילו את העבר, כבירושלמי (כתובות פ"א ה"ב. ועוד) עה"פ (תהלים נז, ג) לא־ל גומר עלי.

38) ראה שו"ת הרשב"א ח"א סתי"ח, הובא בס' החקירה להצ"צ ע' 68. סה"מ תרע"ח ע' תכ.

39) ולהעיר מהביאור במארז"ל (סוטה ב, א. פסחים קיח, א. זח"ב קע, א) דקשה (לפני הקב"ה) לזווגן (וכיו"ב) כקריעת ים סוף — דלכאורה איך שייך קושי למעלה — והבי' כי „זהו היפך הסדר דהשתלשלות" (שער האמונה לאדהאמ"צ פל"ב. ובכ"מ). — ולהעיר מסה"מ תרנ"ד (ע' קלג. קמו) דהקושי שבקי"ס — וזה שבקי"ס דוקא נאמר ש„קשה", ולא נאמר כן בבריאת שמים וארץ — הוא לפי שבקי"ס הי' „חיבור שני הפכים בנושא אחד", עיי"ש. ועפ"ז יומתק יותר מה שתמה משה במחה"ש — כי חיבור ההפכים ד„מטבע" (גשמית) ו„אש" הו"ע של קושי למעלה, כביכול.

40) וי"ל דעוד יתרה מזה — דחיבור ב' הפכים קשה למעלה, משא"כ הבריאה הרי לא בעמל כו' נבה"ע (ב"ר פ"ג, ב) —. וכפשוט אינו סותר משנ"ת בתניא שהיוה"א פ"ב.

41) השתלשלות.

42) אגה"ק ס"כ (קל, סע"א ואילך).

43) אבות רפ"ה.

44) תהלים לג, ו.

אז קומענדיק פון אחרון של פסח, פון דעם ברית פון דעם ערשטן אידישן קינד אין "צבאות השם",

וואס גלייך ווי ער איז געבארן געווארן האט מען (אכט טעג שפעטער) געמאכט דעם בריה, און געמאכט א "משתה גדול", וואס "גדול עולמים הי' שם", און ווי רש"י[208] ברענגט אראפ פון מדרש[209], אז אלע שרים און אפילו מלעיגים און "ליצני הדור" זיינען דארטן געוועז בכדי אויספרואוון צי דאס איז טאקע "בן אברהם" - האבן זיי געזעהן ווי "אלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק", וואס דאס האט אין זיך אויך דעם פירוש[210], אז יצחק מצ"ע איז ענינו עלי' מלמעלמ"ע (גבורה), און "אלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק" - אברהם האט גע'פועל'ט אז יצחק זאל האבן "תולדות", א המשכה מלמעלמ"ט (חסד) -

האט מען דערפון אויך די הוראה בנוגע צו חינוך:

אין חינוך דארף טאקע זיין דער ענין פון "שמאל דוחה"[211], אבער מ'דארף אויך האבן דעם "אברהם הוליד את יצחק" - מ'דארף אויך האבן דעם אהבת האב אל הבן און אהבת האם אל הבת ("ימין מקרבת"[211]).

און דערפון האט מען די הוראה בפשטות בנוגע צו אידישע קינדער - אז מ'דארף מיט זיי טאן אין אזא אופן, ובפרט בנוגע צו פארשרייבן זיי אין מחנות קיץ רחיים,

און טאן אין דעם אין אן אופן פון "יגעת", וואס דעמולט וועט זיין "ומצאה", אז מ'וועט זעהן הצלחה שלא בערך די יגיעה וואס מ'האט אין דעם אריינגעלייגט (וואס דערפאר ווערט עס אנגערופן בשם "ומצאת", "מציאה").

סב. און בשעה עס וועלן צוקוקן נאך קינדער וואס זיינען מוסיף אין הומ"צ - וועט זיין (כמדובר כמ"פ) דער "והשיב לב אבות על בנים - ע"י בנים"[212], אז עס וועט צוקומען אין זייערע הייזער אין "נר מצוה והורה אור"[213],

און בשעה עס קומט-צו אור, איז אפילו "מעט אור דוחה הרבה מן החושך"[214], ועאכו"כ תוספות אור,

ביז אז עס וועט זיין דער "קץ שם להושך"[215].

- און -

---

208) ר"פ תולדות. וראה גם פרש"י עה"פ וירא כא, ד. 209) תנחומא תולדות ג. וראה שם א. ב"מ פז, א. 210) ראה לקו"ש ח"ה ע' 359 ואילך. 211) סוטה מז, א. סנהדרין קז, ב. הל' ה"ת לאדה"ז פ"ד סי"ז. 212) מלאכי ג, כד ובפרש"י. 213) משלי ו, כג. 214) הניא פי"ב (יז, א). 215) איוב כח, ג.

הנחה הה' בלתי מוגה

עם הפרי וואס דעמאלט איז דאך אויך אין א גדר פון ענין של אכילה, וכמבואר בסיום ששה סדרי משנה בנוגע די דינים שבזה.

און וויבאלד אז די גאולת פון דעם אלטען רבי'ן איז דאך געווען פריער בנוגע ללימוד התורה, אז עס זאל ניט זיין צוויי באזונדערע לימודים, איין לימוד וואס ער איז שייכות לכאו"א, דער לימוד וואס איז פארבונדען מיט נגלה דתורה מיט הוויות העולם, הוויות אביי ורבא וואס די גמרא רופט דאס אן בשם דבר קטן בערך מעשה מרכבה, וואס פארוואס ווערען זיי אנגערופען בשם דבר קטן, דאס איז דאך חכמתו של הקב"ה ונעלמה מעין כל חי, אבער זי איז אראפגעקומען דא למטה און זיך אנגעטאן אין טענות, ווי ער זאגט אין תניא אז זה אומר כך וזה אומר כך, ביז וואנעט אז עס קאן דאך זיין אז איינער פון זיי איז אומר שקר, און אין דערויף האט זיך אנגעטאן חכמת התורה אויף מברר זיין וואס איז די טענות אמת און וואס איז די טענות שקר, און ווי עס דארף זיין דער דין.

וואס מצד דערויף דארף מען דאך האבען אמיצען וואס האט עפעס א שייכות צו די ענינים, כידוע דער סיפור וואס דער רבי דער נשיא האט דערציילט אז מלאכים געפינען פאנטאפעל אין ג"ע, ווייסען זיי ניט וואס דאס איז, ביז וואנעט מ'איז זיי מסביר אז עס איז דא א ענין א רגל גשמי און א פאנטאפעל גשמי און א איד קאן דאס ארופברייינגען אהין צו אין ג"ע, כמבואר בארוכה בשיחה זו.

ביז וואנעט אז אפילו אין נגלה גופא געפינט מען דאך די צוויי גירסות, אז ר' זירא צם מאה תעניתא אדער ארבעים תעניתא ער זאל פארגעסען תלמוד בבלי כדי ער זאל קאנען לערנען תלמוד ירושלמי, דערפאר וואס די קשיות און דער פלפול פון תלמוד בבלי, וואס ווערט אנגערופען במחשכים הושיבני, האט דאס עס געשטערט לישרות הסברא אין דעם לימוד וואס איז געווען אנגענומען, אין חכמי א"י, וואס דאס איז דאך אין נגלה גופא.

עאכו"כ דער לימוד הנגלה ווי ער איז בערך לימוד הנסתר, פנימיות התורה, וואס ווי ער זאגט אין רעיא מהימנא אין נשא ווערט דאס אנגערופען בשם אילנא דחיי איז דאך מבאר דער אלטער רבי אז דער פירוש איז אז סיי נגלה און סיי פנימיות התורה זיינען ביידע חכמתו של הקב"ה, נאר די פנימיות האט זיך אנגעטאן מער ניט ווי אין די אילנא דחיי, עס טוט זיך ניט אן אין טענות שקר מברר זין וואס עס איז שקר און וואס עס איז אמת, נאר דער בירור טוט זיך אפ בדרך ממילא, ע"ד ווי עס איז געווען בימי שלמה וואס קיימא סיהרא באשלימותא, אז ער האט ניט געדארפט פירען קיין מלחמה, נאר די ניצוצות הקדושה דאס וואס האט געהערט צו עם, האט מען געבראכט ברצון הטוב, נגלה דתורה וואס זי איז פארבונדען מיט קשיות ומחלקות וביחוד תלמוד בבלי ווערט אנגערופען אילנא דטוו"ר ע"ש התלבשותה אין טו"ר אין א עמקות מברר זיין די ענינים וואס זיי זייבען ניט ע"פ האמת.

איז דאך געווען א זמן ארוך וואס עס איז געווען דער סדר אז דאס איז שני ענינים, עס איז געווען דער זמן פון לימוד הנגלה, און דער זמן פון לימוד פנימיות התורה, ביז וואנעט אז בא אידן גופא איז געווען אזוינע וואס האבען געהאט א שייכות צו נגלה דתורה, וואס דאס זיינען געווען אלע, בנוגע צו לימוד פנימיות התורה איז ווי ער זאגט אין אגה"ק איז געווען בדורות הראשונים וואס עס האט געהאט א שייכות בעיקר צו יחידי סגולה.

דערנאך איז ווי דער רבי שרייבט אז חשף הוי' זרוע קדשו, און עס איז געווען דער גילוי פון אריז"ל און ער האט געלערנט מיט תלמידיו יחידי סגולה, און האט אנגעזאגט ווי ר' חיים וויטאל שרייבט בארוכה אין דער הקדמה אין שער ההקדמות אז מ'זאל וויסען זיין אז דאס פארלענגערט מען דעם גלות, און מ'לאזט ניט צו ר"ל די גאולה, כמבואר שם בארוכה מיוסד על דברי הזהר, וואס דעמאלט איז דאך ווי דער אריז"ל האט געזאגט און מבואר בכ"מ איז געקומען די צייט וואס מצוה לגלות זאת החכמה.



הנחה פרטית בלתי מוגה

וואס אין דערויף גופא איז דאך געווען דרגות אין דעם אופן פון גילוי זאת החכמה, וואס פריער איז דאך געווען אין א אופן הלימוד, וואס איז געווען ניט קיין שייכות און ניט קיין דוגמא פון לימוד נגלה דתורה, ביז וואנעט עס איז געקומען די צייט וואס עס האט געדארפט זיין יפוצו מעינותיך חוצה, ווי דער בעש"ט שרייבט באגה"ק שלו הידוע, וואס בא א אדם חוצה איז דאך זיין הבנה והשגה איז דאך דער חוץ פון זיין עצם הנפש, ווארום א מענטש ווערט דאך געבארען בנפשו גלייך ברגע צאתו לעולם, אדער ווי די גמרא זאגט ווי די דיעות בזה משעת פקידה אדער שפעטער, וואס דאס איז דער עצם נפשו דערנאך איז אבער דא ווי דאס קומט אראפ בגלוי איז דא אין דערויף כמה דרגות ווי דאס שטעלט זיך אוועק אין הבנה והשגה וואס דאס הייבט זיך אן פון י"ג שנה, ווארום א קטן איז א לאו בר דעה.

וואס דעמאלט ווערט אז דער עצם הנפש קומט ארויס אין דעם חוצה פון דעם נפש אין דעם שכל שבמוח שבראש, אין א אופן פון הבנה והשגה, און מ'האט געמאנט אז דאס זאל זיין אין א אופן פון מעינותיך, א מעין איז דאך דאס דער מקור מים חיים, פנימית איז דאך אלעמאל א מקור אויף חיצוניות, וואס אזוי איז אויך אין תורה, איז דאך דא דער מים שבתורה דאס וואס ווערט נתפשט עלי חוצות דער ענין פון נגלה דתורה, בשעת עס איז געקומען די צייט פון יפוצו מעינותיך חוצה, איז דעמאלט האט אויך געקאנט זיין די שני אופנים אז מ'זאל לערנען דאס באזונדער און דאס באזונדער, איז געקומען דער אלטער רבי און געזאגט אז עס דארף זיין דער פדה בשלום, מ'זאל מאכען שלום אין לימוד התורה, וועט דערנאך אראפקומען שלום, ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין אז הלומד תורה לשמה עושה שלום בפמליא של מעלה ובפמליא של מטה, איז דאך דער אלטער רבי מבאר אין פמליא של מטה אז דאס איז די מלחמה פון נפה"א מיט נפה"ב, אין די דרושים פון לקו"ת אין מטות.

וואס דאס האט זיך אנגעהויבען דער סדר פון דעם אלטען רבי'ן אן, אז לימוד פנימיות התורה זאל זיין ניט ע"ד ווי עס איז געווען דער לימוד הקבלה בדורות שלפניו, נאר דוקא אין א אופן פון הבנה והשגה ושקו"ט און מיט דוגמאות און משלים פון כחות הנפש ביז ענינים שבעולם, כמובא בארוכה אין תורת חסידות חב"ד, און אזוי אויך אין תורת הנגלה אין דעם לימוד הנגלה זאל ער קומען מאימתי קוראין את שמע, ווי דעם מגיד'ס זון האט געטייטשט מאימתי פון לשון אימה ויראה, אז לימוד התורה דארף זיין באימה וביראה וברתת ובזיעה און דאס איז די התחלת כל תושבע"פ מיט דעם אימתי, וואס דורך וואס קומט יראת השם, זאגט ער דאך אין רמב"ם כיצד יבוא לאהבתו וליראתו, ע"י שיתבונן בגדולתו ווי ער זאגט דערנאך ובמעשיו וידע, וואס דאס איז דאך דער ענין פון חכמה בינה און דעת ווי ער זאגט אין הסודה"ת און פון דעם מאימתי הייבט ער אן לערנען גאנץ תושבע"פ וואס דארט איז נתבאר געווארען תושב"כ לאמיתתו ולבוריו ולעומקה.

וואס דעמאלט ווערט דער פדה בשלום אין תורה אז מ'מאכט שלום אין תורה אין אילנא דתורה דטו"ר אילנא פון תורה קומט דערנאך אראפ שלום בעולם, בעולם קטן זה האדם צווישען דעם נפה"א און נפה"ב שבאדם, ביז דאס קומט אראפ אין שלום בנגלה דתורה כפשוטה, פדאני לי ולבני מבין אוה"ע אין א אופן פון שלום.

וואס די הכנה לזה דארף זיין אין דעם ענין פון עוסק בתורה ובגמ"ח ומתפלל עם הצבור וואס דאס איז דאך די תקנות וואס דער אלטער רבי האט זיי פארבונדען מיט דער גאולה, ווי ער זאגט אין סיום פון תניא אין קו"א אז עס דארף זיין דער ענין פון עסק בתורה וואס ער דערמאנט דארט דעם ענין פון חלוקת הש"ס, און דערנאך דערמאנט ער דארט דעם ענין פון תמניא אפי און דער ענין פון שבת וואס דאס איז דאך דער ענין פון תפלה של כל השבוע, וואס דאס איז דער ענין פון זכור דשבת ווי ער איז מבאר דארט בארוכה, און דער ענין פון גמ"ח איז דאך די התחלה פון דעם אגה"ק הוכיח תוכיח אפילו מאה פעמים, לכאורה אז ער האט שוין געהאט ניין און ניינציג מאל איז וואס וועט עס טרייבען ער זאל פראווען א הונדערטען מאל אויך, איז דאס מערניט מצד

הנחה פרטית בלתי מוגה

עס איז פאראן די עבודה שמצד תורה, מוחין, דהתורה נמשלה למים וואס מים נמשך למטה, דהמשכה הוא היפך ההגבהה למעלה, דערפאר איז לא תמצא במי שמגבי' לבו, און ווי מען זאגט ונפשי כעפר לכל תהי' און דורך דעם דוקא איז פתח לבי בתורתך. עס איז פאראן נאך א עבודה, עבודת הלב, וואס מצד הלב איז ויגבה לבו, וע"ד המלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול, און עס דארף זיין דער חבור המוח והלב, דורך די ל"ב נתיבות חכמה ול"ב נתיבות בינה, וואס צוזאמען זיינען זיי ס"ד, וואס דאס איז דער חשבון פון שמינית שבשמינית (חסר קצת), עד כאן מההנחה של ר"פ רייזעס. ובמילא קומט אויס אז בשעת עס האנדעלט זיך וועגן הפצת התורה, דארף מען האבן א בדייטקייט, ויגבה לבו בדרכי הוי'.

ט. צווישן די טענות וואס מען טענה'ט, טענה'ט מען אויך אז עס איז ניטא פאר וועמען עס איז ניט כדאי און עס איז א שאד צו גיסן תורת החסידות פאר אזא וואס ער איז גארניט שייך צו דעם.

איז פאראן אויף דעם דער משל פון אלטן רבי'ן פון א מלך וואס האט געהאט א בן יחיד און דער בן יחיד איז געווארן קראנק און די איינציקע עצה וואס ס'איז געווען, איז צורייבן די אבנים טובים וואס בכתר המלך, אזא אבן טוב וואס אן איר איז דער גאנצער כתר קיין כתר ניט, זאל מען צורייבן דעם אבן, פארוואסערן אים, און געבן טרינקען דעם בן מלך. בא דעם בן מלך אבער איז געווען פארקוועטשט די ליפן, פונדעסטוועגן האט דער מלך געהייסן צורייבן דעם שטיין, פארוואסערן אים, און גיסן, אפשר וועט אריין איין טראפן.

אזוי איז אויך אידן זיינען דעם אויבערשטנס בנו יחידו, האט דער אויבערשטער געגעבן תורה, און אפילו פנימיות התורה, למטה, אין שכל אנושי, וואס דאס האט זיך אויפגעטאן דורך דעם אלטן רבי'ן, וואס ער איז געווען א נשמה חדשה, אז ער האט אראפגעטראגן דזין דרזין אין שכל אנושי, בכדי אז אפשר וועט אדיין איין טראפן לכה"פ, איי וואס בא דעם בן יחיד איז פארקוועטשט די ליפן, ער איז גאר ניט שייך צו נעמען קיין פנימיות התורה, דאס ארט ניט, אדרבה דאס ווייזט דאך ערשט ווי קראנק ער איז, וע"ד פתגם כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע בעניך שוטה אסור לרחם עליו: וואס פאר א רחמנות אויף אים איז אז תורה פסק'נט אפ אסור לרחם עליו. במילא דארף מען דאך ערשט גיסן.

דאס איז געווען אין אלטן רבי'נס צייטן, ומכ"ש היינט

וואס דער העלם והסתר איז ביותר, דארף מען איצטער גיסן מכל צד ופינה, וכולי האי נאולי.

יו"ד. איי וואס ער טענה'ט אמת טאקע אז מען דארף ניט זשאלעווען קיין זאך, ווען – ווען עס וועט עפעס העלפן, אבער בשעת יענער איז גארניט שייך צו דעם, עס וועט גארניט העלפן, איז דאך דאס אומזיסטע ארבעט, איז דאך א שאד צו גיסן רזין דרזין, תגא דמלכא, בראש כל חוצות?

איז ערשטנס דארף מען וויסן אז בהדי כבשא דרחמנא למה לך, ער דארף טאן זיינס, און אים דארף ניט זיין נוגע צי ער וועט אויפטאן צי ניט. אזוי ווי במצות ביעור חמץ, ליגט אויף איס א מצוה צו בודק זיין חמץ, צי ער געפינט חמץ און איז אים מבער, צי ער געפינט גארניט און ס'איז ניטא קיין תועלת פון זיין ארבעט, דאס איז אים ניט נוגע, ער דארף טאן המוטל עליו, און קריגט פאר דעם שכר – דאס וואס מען לייגט עשרה פתיתין איז דאס נאר לרווחא דמילתא, און ניט מן הדין – און אזוי איז אויך בענין הפצת תורת החסידות, אז ער דארף ניט מאכן קיין חשבונות, און טאן וואס מען הייסט אים.

ולבד זאת, איז חזקה לתעמולה שאינה חוזרת ריקם, חזקה איז מלשון חוזק, ד.ה. אז חזקה איז אזוי שטארק ביז אז שורפין וסוקלין על החזקות, און אזוי איז חזקה לתעמולה שאינה חוזרת ריקם, אז עס איז בבירור, אז ער וועט עפעס אויפטאן.

יא. און דאס איז אויך א תשובה נוספת צו די טענה פון די ענוה של שקר הנ"ל אז ער איז ניט ראוי להפיץ תורת החסידות, ער איז נאך מיט זיך ניט פארטיק, און האלט אליין ניט דעדביי, איז מצד דעם יוקר פון דעם בן יחיד של הקב"ה, כפתגם הבעש"ט אז יעדער איד איז טייער בא דעם אויבערשטן ווי א בן יחיד וואס ס'איז געבארן געווארן לעת זקנותו, און נאך טייערער, איז בשעת מען ווייס ווענגן וואס עס האנדעלט זיך, מאכט מען ניט קיין חשבונות צי ער איז מער ראוי צי א צווייטער.

במקום חילול השם אין חולקין כבוד לרב. בשעת עס איז פאראן א מקום חלל פון אויבערשטן, מען ווייס ניט פון אחדות הוי', מען ווייס ניט פון אהוי"ר וכו', ווי דער רמב"ם זאגט כיצד יבוא לאהבתו איז דאס דורך די התבוננות בגדולתו ית', ניט קיין טרוקענעם פירוש המילות נאר דורך התבוננות דוקא, וואס בימינו אלה איז דאס נאר דורך לימוד החסידות,

<u>הנחה בלתי מוגה</u>